וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

# קרית ברסלב בלעטל

פרשת דברים, ד' אב תש"פ לפ"ק
שנה א' גליון מ"א


**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות.......8:06
מוצאי שבת.......9:36

# א מעשה פון תפלה

## שמשון הערש טייטעלבוים

איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען מאכן הפצה דעם זומער אין דעם קאנטרי וואס איך בין דא במשך דעם זומער, שכח אייבערשטער אז שבת נאכמיטאג איז צוגעקומען צו מיר אפאר אינגלעך שמועסן, און זיי פרעגן מיר אפשר קען מען מאכן א חברת תהלים, איך האב מיר גלייך צוגעכאפט צו דעם, זיי האבן צאמגענומען אלע קינדער. נאך תהלים האב איך פארציילט פאר זיי די מעשה פון הייליג'ן בעל שם טוב אלץ קליין קינד, וויאזוי יעדע זאך האט ער געבעטן דעם אייבערשטן וכו', אויך זענען דארט געזיצן אפאר אינגעלייט אין די זייט, וואס זענען צוגעקומען מיר זאגן אז זיי האבן דאס נאך קיינמאל נישט געהערט. שכח אייבערשטער פאר די גרויסע זכות פון קענען מאכן הפצה.

## שלמה יאקאבאוויטש

אזוי ווי עס איז נישט דא קיין עסן פראגראם פאר די בחורים, האב איך באקומען די זכיה צו צושטעלן עסן פאר די בחורים, איך בעט דעם אייבערשטן יעדן טאג איך זאל האבן עסן פאר זיי יעדן טאג עס זאל אריין קומען א שפע, שכח אייבערשטער אז מען שאפט יעדן טאג עסן פון אינטער דער ערד, אזוי אויך איז איין וואך ערב שבת נישט געווען קיין איבעריגע חלות פאר של"ס ביי יענע בעקערי פון ווי מען נעמט יעדע וואך, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל יא קענען האבן גענוג און נאך חלות פון ערגעץ אנדערש, שכח אייבערשטער אז א אנדערע בעקערי האט יא געהאט און איך האב געהאט איינער וואס האט געקענט אהין פארן און עס אהער ברענגן.

## פנחס דוד וועבערמאן

איך האב געוואלט פארן צו מיין שווער אויף שבת אין טאהש קאנאדא, אבער זיי לאזן נישט געהעריג אריין א אמעריקאנע בירגער, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען פארן און צוריקומען געזונטערהייט, איך האב גענוצט א תירוץ אז איך ברענג א ארדער צו טאהש, אבער זיי זענען עפעס נישט געווען אזוי צופרידן מיט דעם זיי האבן מיר דארט אויפגעהאלטן א לאנגע צייט, שכח אייבערשטער אז ביים סוף האבן זיי מיר אריבערגעלאזט בשלום און נישט צוריק געשיקט.

# סימן טוב מזל טוב




מיט גרויס פרייד
טוהן מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר האברך החשוב
**שבתי מזרחי נ"י וזוגתו אסתר תחי'**
צו די געבורט פון זייער אינגל בעבי נ"י למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אין די זכות פון העלפן בויען דעם הייליג'ן שטעטל מיט א מורא'דיגע איבערגעגעבנקייט, זאלן זיי זעהן אסאך אידיש נחת פון די און פון אלע קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים.

# נייעס אין שטעטל

## נייע בנין פאר הדפסה אין שטעטל

ווי מיר אלע האבן געזעהן די וואך האט מען שוין אנגעהויבן די הכנות צו מאכן גרייט די פלאץ פאר א נייע בנין קרן הדפסה היכל הקודש, וואס וועט ווערן אויפגעבויעט מיט'ן אייבערשטענ'ס הילף אינעם שטעטל אינטער דעם בית המדרש.

לאנגע חדשים ארבעט מען שוין אויף פלענס פאר א גאר גרויסע בנין פון ארום צוויי טויזענט סקווער פיס, וואס וועט זיין אין באניץ פאר די גאר גרויסע אפאראציע וואס קומט פאר טאג טעגליך אין די הדפסה.

ביז היינט איז די הדפסה געווען אינעם בנין הישיבה אין 27 סקילמאן, אבער אזוי ווי עס איז דארט ענג געווארן דאס פלאץ פאר די ישיבה, חדר און סקול, האט מען אויסגעארבעט א פלאן אריבערצופירן די הדפסה אהער אין שטעטל, וואס דאס וועט אביסל פארגרינגערן פאר די מוסדות אין וויליאמסבורג.

ווי מען שטייט יעצט ווערט נאך אויסגעארבעט צו באקומען די פערמיטס פון די טאון, עס איז צום האפן אז גאר בקרוב וועט מען שוין קענען אנהייבן אויפשטעלן דעם בילדינג, און גאר בקרוב אנהייבן צו ניצן דעם בנין פאר צו דריקן ספרים און קונטרסים, און דערנאך עס פארשפרייטן אין די גאנצע וועלט, און מיט דעם מקיים זיין דאס וואס די הייליגע רבי האט געוואלט פון אונז אז מיר זאלן שטענדיג עוסק זיין אין די הייליגע ארבעט פון צוריק ברענגן מענטשן צום אייבערשטן.

### בית המדרש אין שטעטל

גאר א גרויסער אוצר קנין ספרים איז געקויפט געווארן פאר'ן בית המדרש דאהי אין שטעטל, אנגעהויבן פון סידורים חומשים, גמרות און מדרשים, ווי אויך גאר אסאך פון די פינף ספרים פון הייליג'ן רבי'ן, אזוי אויך ספרי מוהרא"ש און ספרי ראש ישיבה שליט"א, און ווי מען הערט נאך איז נאך דא אסאך פלענער צו פארברייטערן די אוצר הספרים מער און מער, אזוי אויך הערט מען אז מען גייט גאר בקרוב אהער ברענגן דעם הייליג'ן רבינ'ס בענקל וואס וועט זיין אין באניץ פאר אלע ברית'ן דא אין שטעטל.

מיר ווילן זיך שטארק באדאנקן פאר לייבי ראטה הי"ו וואס ארבעט זייער שווער אז די אלע זאכן זאל צושטאנד קומען מכח אל הפועל.

אזוי אויך הערט מען אז מען ארבעט שוין א לאנגע צייט פאר גאר א שיינעם מזרח וואנט, וואס דאס וועט גאר שיין מאכן דעם היכל הבית המדרש דא אין שטעטל, די ארבעט ווערט געמאכט דורך האברך החשוב אברהם אלי פרידריך הי"ו, זאל אים דער אייבערשטער באצאלן מיט אלעס גוטס.

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט״א

## לעבן פשוט

בעזהשי״ת - ערב שבת קודש פרשת אחרי-קדושים, ט׳ אייר, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד מרת ... תחי׳**

וואס דו דארפסט - זאלסטו בעטן פונעם אייבערשטן אויף דיין אייגענע שפראך; ווען א פרוי וואלט ווען געוואוסט וואס זי קען פועל׳ן מיט אירע תפילות ביים אייבערשטן, וואלט זי געבעטן דעם אייבערשטן אויף יעדע זאך נאכאמאל און נאכאמאל ביז זי וועט געהעלפן ווערן. בפרט בשעת דו צינדסט אן די שבת ליכט, זאלסטו זיך אוועק זעצן ביי די לעכט און בעטן דעם אייבערשטן אויף אלעס וואס ליגט דיר אויף דיין הארץ; פאר דיר, און פאר דיין מאן - אז ער זאל זיין ערליך און האבן הצלחה, און פאר קינדער - אז דו זאלסט זוכה זיין צו קינדער וואס וועלן ליכטיג מאכן דער וועלט.

די אלע צדיקים וואס האבן געטוישט די וועלט צום גוטן, און געהאלפן מענטשן, די אלע האבן געהאט פשוט׳ע מאמעס, און זיי האבן זוכה געווען צו גוטע קינדער נאר ווייל **זיי האבן אסאך געוויינט צום אייבערשטן אז זיי זאלן זוכה זיין צו קינדער וואס וועלן ליכטיג מאכן דער וועלט.** יעדער איינער וויינט, דער חילוק איז נאר ווען מען וויינט, איינער וויינט ווען די קינדער זענען נאך קליין - אז זיי זאלן זוכה זיין צו זיין ערליכע אידן, און נאר מאכן א נחת רוח פארן אייבערשטן, און דער וואס וויינט נישט ווען די קינדער זענען נאך גאר קליין וכו׳, די וויינען שפעטער ווען די קינדער זענען שוין גרויס און מען האט צער ל״ע, אבער וואס קען מען דעמאלט טון. דערפאר זאלסטו אויסניצן די צייט ווען דו צינדסט אן די שבת ליכט, און שטיי ביי די ליכט און וויין דאך אויס צום אייבערשטן, און פארצייל אים אלעס וואס דרוקט דיר אויפן הארצן.

עס איז דא אסאך מנהגים בשעת מען צינד אן די שבת ליכט, עס זענען דא פרויען וואס זאגן דעמאלט תחינות; עס זענען דא פרויען וואס ביי זיי פירט מען זיך צו זאגן א ספעציעלע קאפיטל תהילים; עס זענען דא פרויען וואס זאגן נישט קיין תחינות וכו׳, נאר זיי רעדן גלייך צום אייבערשטן אויף זייער שפראך; יעדער זאל זיך פירן מיט זיינע מנהגים, אבער ווען דו ענדיגסט זאגן דיינע תחינות וכו׳, לייג ארויף די הענט אויף דיינע אויגן, און דארט אויף דיין שפראך - אידיש צו ענגליש - זאלסטו וויינען; האב נישט מורא צו וויינען, עס איז דא פרויען וואס מיינען אז אויב מען וויינט דארף מען שוין גיין אויף הילף, וואס עפעס? וויינען איז זייער א געזונטע זאך, בפרט ווען מען וויינט צום אייבערשטן, דעמאלט נעמט דער אייבערשטער אלע טרערן און לייגט עס אוועק און ברענגט נאכדעם א ישועה.

ר׳ נתן ז״ל האט געבעטן זיין ווייב און טעכטער אז ווען זיי צינדן אן די שבת ליכט זאלן זיי בעטן: ״**רבונו של עולם, אזוי ווי איך צינד אן די שבת ליכט און איך מאך ליכטיג דא אין שטוב, זאלסטו אריין שיינען אין אלע אידן די ליכט פונעם הייליגן רבי׳ן**״; דאס זעלבע זאלסטו אויך בעטן: ״**רבונו של עולם, אזוי ווי איך צינד אן די שבת ליכט, מאך לעכטיג פאר אלע אידן, העלף ארויס אלע וואס מוטשען זיך מיט שוועריקייטן**״. ווען דו זאלסט וויסן וואס געשעהט ווען א מענטש רעדט צום אייבערשטן, דער אייבערשטער אליין קומט און הערט אויס ווי דער מענטש רעדט צו אים, און אלע מלאכים פרעגן ווי איז דער אייבערשטער? וואס טוט דער אייבערשטער? ענטפערט מען זיי, אז דער אייבערשטער איז יעצט עוסק מיט א איד וואס וויינט צו אים, און טענה׳ט זיך מיט אים, זאגן אלע פארוואס זאל דער אייבערשטער אליין עוסק זיין מיט זיי? מיר וועלן אויסהערן די טענות און עוסק זיין מיט זיי, זאגט דער אייבערשטער: ״ניין, אֲנִי וְהוּא בִּלְחוֹדוֹי, איך מיט אים אליין (זוהר בלק).

איך וויל דיר דאנקען פארן מיר העלפן מיט די ׳פארטי׳; די שענסטע מידה איז הכרת הטוב, מיט דעם וואס דו האסט געהאלפן וכו׳ און גערופן דיין משפחה און חבר׳טעס האסטו מיר געוויזן אז דו אנערקענסט וואס דו באקומסט דא אין היכל הקודש, האסט מיר געוויזן אז דו ביסט מכיר טוב אויף אלעס וואס דו באקומסט פון דעם פלאץ.

זאלסט וויסן אז נישט יעדער איינער אנערקענט וואס מען באקומט דא; מען נעמט דאס פאר גרענטעד, מען מיינט אז אזוי קומט דאס לעבן, נישט יעדער ווייסט וויפיל ארבעט ליגט אונטער יעדע זאך. למשל, א פרוי פון היכל הקודש זעט איר מאן לערנט, מיינט זי אז אזוי קומט עס - יעדער מאן לערנט יעדן טאג, אבער עס איז נישט ממש אזוי, וויפיל דרשות פון חיזוק געב איך פאר די מענער אז זיי זאלן לערנען יעדן טאג, אפילו מען ארבעט שווער און מען האט נישט קיין צייט צו גיין אין שול לערנען, זאלן זיי כאטשיג מיט נעמען א משניות מיט זיך, און ווען זיי האבן א איבעריגע מינוט, זאלן זיי אריין כאפן נאך א משנה און נאך א משנה; מען קען זיך נישט פארשטעלן וויפיל ארבעט ליגט אונטער יעדע ריר וכו׳ וכו׳, אז אסאך מאל טראכט איך צו מיר ׳פארוואס דארף איך די גאנצע זאך׳, און איך טראכט ׳מה לי לצרה הזאת׳, אבער איך האב צוגעזאגט פאר מוהרא״ש אז איך וועל נישט אפלאזן און איך וועל ממשיך זיין צו מחזק זיין די אינגעלייט און די בחורים און יעדן איינעם. דערפאר אז איך זע אז ווען מיר מאכן א ׳פארטי׳ קומען די פרויען און העלפן מיר, אן קיין בושה און אן קיין פוילקייט האב איך הנאה.

איך וויל דיר בעטן אז דו **זאלסט נישט גיין קויפן קליידער פאר דיינע קינדער אין טייערע געשעפטן**, א אידישע פרוי טאר נישט אנטון קינדער מיט טייערע זאכן און אויסברענגען איר געלט און איר מאן׳ס געלט אויף טייערע קליידער פאר קינדער. די שענסטע זאך איז, ווען מען טוט אן די קינדער פשוט, איידל און שיין. איך בין געווען די וואך אין סקול, און יעדע מיידל האט מיר דערציילט מעשיות פון תפילה, האב איך געזען אז רוב מיידלעך גייען אנגעטון זייער פשוט, איידל און שיין, און צניעות׳דיג, אבער אויף אפאר מיידלעך האב איך רחמנות געהאט, ווייל די עלטערן טוען זיי אן כאילו זיי וואלטן געווען א פרינצעסן, און די מיידלעך וואקסן אויף זייער געספוילט, טייער און רייך, און שפעטער ווען זיי וועלן עלטער ווערן, וועלן זיי זיך מוטשען אין לעבן ה׳׳.

איך מוז דיר פארציילן א זאך וואס איך האב געהאט אין קעמפ, פאריאר תשע״ו; איך שפאציר איין טאג אינדרויסן פון קעמפ, איך גיי אביסל התבודדות זיך אויסגיסן מיין הארץ צום אייבערשטן, זע איך ווי עס טוט זיך עפעס אין פארנט פון איינע פון די באנגעלויס, עס איז דא דארט א גאנצע מחנה פרויען, געב איך א קוק, זע איך ווי א פרוי שטייט אין פארקויפט קליידער, די ערשטע רגע האב איך נישט געכאפט וואס דאס איז, האב איך אהיים גערופן פרעגן מיין ווייב צי זי ווייסט וואס מען פארקויפט דארט? זאגט זי מיר מען פארקויפט גארנישט, נאר ״מען טיילט אלטע שמאטעס בחינם״ פרעג איך איר: ״ווער טיילט עס?״ זאגט זי מיר ״מרת ... תחי׳״, טראכט איך צו מיר, און איך זאג פארן אייבערשטן: ״**רבונו של עולם, קוק וואסערע שיינע קאנטרי מיר האבן, קוק וואסערע ערליכע פרויען מיר האבן, אז עס איז נישט קיין בושה פאר קיינעם פון אונז צו נעמען געניצטע קליידער פאר די קינדער, פארקערט, מען קוקט אראפ די וואס קויפן נאר נייע זאכן, און ברענגען אויס זייער געלט פאר נייע זאכן**״.

נאך א מעשה וועל איך דיר פארציילן, די צווייטע יאר זומער האבן מיר געהאט א משפחה וואס איז געקומען אין קעמפ, זיי זענען נאך נישט געווען פארכאפט אין ברסלב; איין טאג גייט די מאמע צו צו א פרוי און רעדט זיך אויס דאס הארץ אז שוין אפאר וואכן וואס זי טוט אן אירע קינדער מיט ספעציעלע קליידער וואס זי האט אויפגעגנייט ספעשל פאר קאנטרי און קיינער זאגט איר גארנישט, זי האט ממש געוויינט, זאגט איר איינע פון די ברסלב׳ע פרויען: ״דארפסט נישט וויינען, דא איז א פלאץ וואס מען ליגט נישט אין דעם, און עס איז בכלל נישט קיין מעלה אז מען גייט טייער אנגעטון, פארקערט מיר קוקן אראפ איינער וואס צאלט אסאך געלט פאר טייערע קליידער״. **מיר קוקן נישט אראפ קיינעם, נאר מיר האבן רחמנות אויף די סארט פרויען.**

איך האף אי״ה אז אלע מיידלעך וואס וועלן חתונה האבן פון סקול וועלן זיך שעמען צו שפאצירן מיט א טייערע קערידזש; זיי וועלן זיך שעמען צו גיין אין גאס מיט א בעג פון א טייערע סטאר. וויסן זאלסטו אז א בושה איז נישט צו גיין מיט פשוט׳ע קליידער און לעבן א פשוט׳ע לעבן, **א בושה איז אז מען בארגט געלט און מען באצאלט נישט** - דאס איז א שאנד; דאס שענסטע זאך איז ווען א מענטש איז א מכיר את מקומו, חז״ל זאגן (אבות ו, ו) אז איינע פון די מ״ח דברים ווי אזוי מען איז זוכה צו תורה, איז אז מען איז א מכיר את מקומו, א מענטש ווייסט זיין מצב און ער זוכט נישט זיך אהער צו שטעלן ווי אן עושר.

יעדער זאל טון ווי אזוי ער פארשטייט, אבער איך וועל לערנען מיט מיינע תלמידים ווי אזוי איך האב מקבל געווען פון מוהרא״ש ז״ל, און **איך וועל פרובירן אפצושפעטן פון אינגעלייט וואס מאכן טייערע שמחות**, און איך האף אז די פאר משפחות וואס ווילן אויפצוען די קינדער אזוי ווי מוהרא״ש האט אונז געלערנט וועלן פאלגן.

זאלסט האבן א פרייליכן שבת, און געדענק אז וואס דו דארפסט זאלסטו בעטן פונעם אייבערשטן, און נאכאמאל א גרויסער יישר כח פאר אלעס וואס דו האסט מיר געהאלפן מיט די ׳פארטי׳. מרת ... תחי׳ האט מיר איבער געגעבן אז דו ביסט געזיצן דארט א לאנגע צייט און געהאלפן אן א שיעור מיט דיין גאנצע כח.

ביים פארריכטן די עירוב עש״ק מטות-מסעי



מען לערנט אינטער די ביימער



ביים אויפשרייבן וואס דער בעל תפלה האט געזאגט

